בס"ד

פ' בהעלותך (בא"י שלח) תשפ"ג, #219

# שריפט

על הפרק:
**אנטוישט פון דער שפראך**

מדינה ומדינה:
**טשעכיי און אידן אין פראג**

שיריים:
**זיך ארייגשמוגלען אין מקוה**

**טויזנטער ביים היסטארישן מעמד "אדירי התורה"**



**משה'לע חזן**
די לעבנסגעשיכטע פונעם לעגענדארן חזן און מקורב לבית צדיקים רבי משה קראוס ז"ל



היסטאריע:
**ווען דאס כינעזער מיליטער האט דירעקט פארפלייצט שטעט**



אין דער צייט וואס די וועלט איז איינגעשפאנט קעגן רוסלאנד, הערן מיר פון **הר"ר יוסף יצחק אראנאוו** שליט"א, וויאזוי א הייפעלע עסקנים פירן אָן א פארצויגענעם קאמף מיט רוסלאנד, צוריקצובאקומען 12,000 ספרים וועלכע זענען צוגענומען געווארן פון אדמור"י חב"ד

# אונזער קאמף מיט פוטין

# אונזער קאמ

# מיט פוטי

**אין דער צייט וואס די וועלט איז איינגעשפאנט קעגן רוסלאנד, פירט זיך א לאנג-פארצויגענער און אייגנארטיגער קאמף מיט רוסלאנד צוריקצובאקומען 12,000 ספרים וועלכע זענען געווארן צוגענומען מיט מער ווי הונדערט יאר צוריק.**

וואס איז דער היסטארישער אוצר הספרים פון חב"ד? // פארוואס איז רוסלאנד אזוי פאר'עקשנ'ט צו האלטן די ספרים ביי זיך? // זייער זיצונגען מיט די רוסישע פרעזידענטן // ווען האט פוטין געבעטן אז מען זאל צולייגן צו די רוסישע סאנקציעס קעגן אמעריקע? // די מיליאנען וואס רוסלאנד איז שולדיג פאר חב"ד

אין א היסטארישן שמועס מיט דעם יושב ראש פון צעירי אגודת חב"ד בארה"ק, **הר"ר יוסף יצחק אראנאוו** שליט"א, באקומען מיר א שטיקל ארייבליק איבער דעם פערזענליכן קאמף וואס א הייפעלע חב"ד'סקער עסקנים פירן מיט רוסלאנד פאר די ספרי קודש, און הערן ווי אזוי דער קריג ווערט אין ליכט פון דעם אוקראינער קריג אקטועל מער ווי אייביג בעפאר.

שמואל סופר, כפר חב"ד
בילדער: שלומי טריכטער





בײ א לאנגן און רונדיגן טיש איז דער רוסישער פרעזידענט פוטין געזעסן.

רוסלאנד ציילט שוין איבער א יאר אריין אין איר בלוטיגן קריג מיט אוקראינע. די נצחונות איבער די אוקראינער סאלדאטן גייען נישט ווי געפלאנט, אבער עס איז דא נאך עפעס וואס רויבט צו די רו פון דער רוסישער רעגירונג.

"אמעריקע האט ארויפגעלייגט סאנקציעס אויף אונזערע בענק," זאגט דער פינאנץ מיניסטער.

יעדער איז שטיל. יעדער אין צימער ווארט צו הערן די רעאקציע פון דעם רוסישן פירער.

פוטין קאכט פאר כעס, אבער ער ווייזט עס נישט ארויס. זיין פנים בלייבט בלעך, זיין געשטעל איז אייז-קאלט. מיט אלע כוחות זוכט ער צו געבן פאר די אנוועזנדע דעם איינדרוק ווי ער איז גלייכגילטיג צו דער מעלדונג. אבער ער האט יא איין פאדערונג.

"די אמעריקאנער האבן געמאכט סאנקציעס אויף אונזערע מענטשן. רוסלאנד מעג נישט בלייבן שטיל! מיר מוז'ן רעאגירן. איך וויל אז שוין היינט זאל ווערן צוזאמגעשטעלט א ליסטע פון אמעריקאנער בירגער וועלכע קענען פון היינט און ווייטער נישט אריינטרעטן אין רוסלאנד."

די גענעראלן שאקלען מיט די קעפ. א ווארט פון זייער פירער מוז ווערן אויסגעפירט.

די זיצונג איז געשלאסן. יעדער שטעלט זיך אויף פון זיין פלאץ, אבער א רגע איידער זיי גייען ארויס פון צימער רופט זיי פוטין צוריק.

"איך וויל אז אין דער ליסטע פון די אמעריקאנער בירגער וואס קענען נישט אריינקומען קיין רוסלאנד זאלן אריינגיין אויך צוויי ראביים, הרב קאנין פון קאליפארניע און הרב לעווין פון ברוקלין."

"קיין פראבלעם, מיסטער פרעזידענט."

אין קעגנווארט פון דעם רוסישן פרעזידענט וואגט זיך קיינער נישט צו פרעגן ווער אזויס זענען די צוויי אידישע ראביים וואס רויבן צו נאכט שלאף פון דעם פרעזידענט, און ווערן אריינגעלייגט אין דער זעלבער קאטעגאריע ווי די אמעריקאנער מיליטערלייט וואס שטעלן צו וואפנס פאר אוקראינע.

אבער די שאלה מוטשעט יעדן. יעצט איז די רייע פאר די רוסישע גענעראלן צו פארלירן אביסל שלאף אויף דער שאלה.

אבער נישט בלויז די רוסישע גענעראלן האבן פארלוירן שלאף איבער דער מיסטעריעזער בקשה, נאר אויך מיר האבן אין ראם פון דער פארש-ארבעט צו דערגיין די ווארצלען פון דער פרשה פארלוירן אסאך שעות שלאף.

דער אמת איז אז ווי טיפער מיר זענען אריין אין איר, האט זיך אלץ אויפגעוויקלט מער און מער געשיכטעס איבער דער פרשה. נאך א קורצן גריבלעניש זענען מיר געקומען צו דער אנערקענונג אז דאס איז טיפער און ברייטער ווי מיר האבן געקלערט. אויסער די 220-מליאן-דאלארדיגן קנס פונעם אמעריקאנער געריכט אויף רוסלאנד וועלכער שטייגט טעגליך מיט 50,000 דאלאר, און אויסער דעם נקמה אקט פון רוסלאנד צוריק אויף אמעריקע, האט די פרשה א באדייטפולן משמעות, און איז אקטועל אין די יעצטיגע קריגס אומשטענדן מער ווי אייביג בעפאר.

צו דערגיין וואס דא טוט זיך האבן מיר גענומען די מי און זיך אראפגעלאזט צו כפר חב"ד אין ארץ ישראל, וואו מיר האבן אפגעהאלטן אן ערשטהאנטיגן שמועס מיט דעם סאלדאט אויפ'ן פראנט שוין מער ווי 40 יאר, הר"ר יוסף יצחק אראנאוו שליט"א.

נישט אזוי גרינג איז אונז אנגעקומען צו באקומען אן אודיענץ ביי הר"ר יוסף יצחק, וועלכער שטייט היינט בראש פון א רייע גרויסע אקטיוויטעטן אין חב"ד באה"ק. רעדנדיג מיט נאנטע איבער זיין פערזענליכקייט, האט דער זעלבער אויסדרוק געהאלטן אין איין איבער'חזר'ן: "דער שטערקסטער חב"ד פיגור בארץ הקודש."

אויסער דער צעירי אגודת חב"ד וואס ער שטייט בראש, איז ער אויך אקטיוו אין אלע מוסדות וואס ליובאוויטש פארמאגט באה"ק. און מען רעדט נישט פון א קליינעם ציפער. אבער פונדעסטוועגן האט ער אראפגעגעבן צייט פאר אונז, אז מיר זאלן קענען האבן א שטיקל שמועס מיט'ן חשוב'ן יושב ראש.

יודעי דבר האבן מיר געווארנט אז צום שמועס זאל איך קומען גוט צוגעגרייט. א שמועס צווישן אן אונגאריש-אפשטאמיגן און א חב"ד'סקער פון דורי דורות מאכט זיך נישט יעדן טאג. אין אנהייב איז דער שמועס טאקע געווען אביסל טאנצעדיג, אבער ביסלעכווייז איז עס ווייכער געווארן, ביז וען מיר האבן זיך געטראפן פארטון אין א טיפן שמועס.

מיר האבן אסאך געהערט. עס איז געווען א שמועס על דרך פרד"ס; דער רמז איז געווען זייער דאמינירנד ביים שמועס, דער פשט ווייניגער, און פון צייט צו צייט האבן מיר זיך באגעגנט מיט'ן סוד, און אויך געמוזט נוצן דעם דרוש. אבער על כולם האט ארויסגעשטראלט די געטריישאפט, דער ענדלאזער ביטול וואס א חסיד האט נאך היינט 30 יאר שפעטער, ווען זיין גרויסער מורה דרך איז שוין בעלמא דקשוט.

בדרך דרוש האבן מיר אויך פארשטאנען אז די עבודת הקודש וואס ר' יוסף יצחק האט געטון יענע יארן, איז דער גרונדשטיין צו דער מעכטיגער הפצה און הייליגער אויפבלי פון אידישקייט אין רוסלאנד, וואס איז היינט ברייט באקאנט.

איידער מיר גייען צו, לאמיר אנהייבן מיט א לענגערער הקדמה צו שילדערן די דברים כהוייתן וואס ליגט אונטער דער געשיכטע. די הקדמה ציט צוריק אירע ווארצלען צום הייליגן בעל התניא, און ציט זיך ביז'ן היינטיגן טאג, צום קריג פון רוסלאנד מיט אוקראינע.



## פרק א' - ליאדי תקס"ט

א קליין שטעטל איז ליאדי אין בעלארוס, אבער אין דער חסיד'ישער וועלט פארנעמט עס א גרויס ארט. אין דעם שטעטל האט געוואוינט איינער פון די גרעסטע ריזן פון דער חסיד'ישער וועלט, דער הייליגער צדיק און קדוש רבי שניאור זלמן מליאדי זי"ע, באקאנט אלס דער הייליגער בעל התניא.

א רייכע ירושה לאזט דער הייליגער בעל התניא איבער פאר דער אידישער וועלט. דער הימלישער כח המחשבה, די טיפע תורות און רייכן געדאנקענגאנג, וועט פאר לאנגע יארן באלייכטן די אידישע וועלט און מאכן א שינוי אין די הערצער פון צענדליגער טויזנטער אידן, טוישנדיג זייער בליק אויפ'ן לעבן און אויף דער גאנצער וועלט. איניינעם מיט דער גרויסער און הייליגער פערזענליכקייט, דער ברייטער און טיפער מח אין נגלה און אין נסתר, פארקערפערט דער צדיק אין זיך א שטארקע אהבה צו ספרי קודש.

בלויז געציילטע דינאסטיעס אין דער חסיד'ישער וועלט פארמאגן זאמלונגען פון ספרי קודש וואס גייען אריבער פון דור צו דור, און איינס פון זיי איז די דינאסטיע פונעם הייליגן בעל התניא זי"ע.

נאך בחיים חיותו ווערט די זאמלונג גרעסער און גרעסער, און דער בעל התניא לייגט דערויף זיין אויג. עס האט ביי אים א ספעציעלע חשיבות, און ער היט אויף איר ווי זיין גרעסטער אוצר.

נאך זיין פטירה גייט די גרויסע זאמלונג אריבער צו זיין זון און ממשיך דרכו בקודש דער רבי הגה"ק רבי דובער, באקאנט אין ליובאוויטש אלס דער מיטעלער רבי.

א שטארקער שינוי איז דאס חסידות אריבער בימיו. צווישן אנדערן האט דער מיטעלער רבי' אויסגעקליבן דאס שטעטל ליובאוויטש אלס זיין היים.

פון דא און ווייטער איז די באוועגונג פון חב"ד אנגערופן געווארן אין דער אידישער וועלט מיט'ן נאמען "ליובאוויטש", על שם דעם וואוינארט פון די ליובאוויטשער רבי'ס.

פון תקע"ד ביז תרע"ו, האבן די ליובאוויטשער רבי'ס געוואוינט אין דער שטאט ליובאוויטש. נאכ'ן מיטעלער רבי'ן איז געקומען זיין איידעם דער צמח צדק. דער ממלא מקום פונעם צמח צדק איז געווען זיין יונגסטער זון רבי שמואל, באקאנט אלס דער רבי דער מהר"ש. נאך זיין פטירה איז באשטימט געווארן אלס רבי זיין זון רבי שלום דובער, וועלכער ווערט אנגערופן דער רש"ב.

אין לויף פון די אלע יארן האבן הונדערטער טויזנטער חסידים געשטראמט קיין ליובאוויטש און זיך דערקוויקט פון דעם גרויסן קוואל וואס וואס האט געפלאסן מים חיים. אבער עס איז דא איין זאך וואס בלייבט אויף זיין ארט און ווערט נאר גרעסער און גרעסער, און דאס איז דער בארימטער אוצר הספרים, אדער ווי מען רופט עס אן ביי די חסידים, די ביבליאטעק.

אין די עלטערע יארן פון דעם רש"ב,

אויסער די
220-מליאן-
דאלארדיגן
קנס פונעם
אמעריקאנער
געריכט אויף
רוסלאנד
וועלכער שטייגט
טעגליך מיט
50,000 דאלאר,
און אויסער דעם
נקמה אקט פון
רוסלאנד צוריק
אויף אמעריקע,
האט די פרשה
א באדייטפול
משמעות, און איז
אקטועל אין די
יעצטיגע קריגס
אומשטענדן מער
ווי אייביג בעפאר



דער קאלפיק פון דער ריזשינער זי"ע וואס געפונט זיך אין דער ביבליאטעק

ווען דאס חסידות איז געווען אין פולסטער בליאונג, האט די ביבליאטעק פארמאגט אזויפיל ווי צוועלף טויזנט ספרים. צווישן זיי האבן זיך געפונען זעלטענע און הייליגע ספרים, ווי כתבים פון די ראשונים; א זעלטענער און הייליגער סידור פון דעם בעל שם טוב הק' וואס האט אין זיך געשריבענע כוונות פון זיין שוואגער דער צדיק רבי גרשון מקיטוב זצוק"ל, און אריינגעשריבענע הזכרות פון זיינע תלמידים, אז דער בעשט"ק זאל זיי אינזינען האבן ביים דאווענען; און נאך א רייע פון זעלטענע און הייליגע ספרי קודש.

אין פארגלייך צו היינט ווען די ביבליאטעק פון ליובאוויטש אין קרוינהייטס פארמאגט אזויפיל ווי א מיליאן ספרים (!) איז אפשר 12,000 ווייניג. אבער אין פארגלייך צו די אמאליגע אומשטענדן, איז עס א געוואלד, נעמענדיג אין באטראכט די אמאליגע דרוקן, וואו יעדער ספר וואס איז געדרוקט געווארן איז אנגעקומען מיט אסאך מי און הארעוואניע.

די ביבליאטעק האט ממשיך געווען צו וואקסן, ווערנדיג באגלייט פערזענליך דורכ'ן רבי'ן דער רש"ב, און ביי די חסידים האט מען געוואוסט וואספארא חשיבות די ספרים פארנעמען ביים רבי'ן און ווי ער האט זיך געזארגט פאר זייער וואוילזיין.



## פרק ב - גולה אחר גולה

ווי ערווענט, איז דאס ליובאוויטשער חסידות געווען אויף איר פלאץ פאר עטוואס מער ווי הונדערט יאר. אבער דאן האבן זיך געענדיגט די רואיגע צייטן.

אין תרע"ד האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט מלחמה, ווי די דורשי רשימות האבן ממליץ געווען די ווערטער 'ותרעד הארץ'. אבער ווי באקאנט, איז דער קריג נאר דאס שוועבעלע וואס האט אנגעצונדן א גרויסן פייער. פון דא האט די דינסאטיע זיך ארויסגעלאזט אויף איר לאנגן וועג, ביז צו איר סטאנציע אין קרוינהייטס וואו זי געפינט זיך היינט.

אין די פאלגנדע פערציג-פופציג יאר איז די וועלט אריבער גאר גרויסע טוישונגען. אויסער דעם ביטערן צווייטן וועלט קריג, וועלכער איז געווען א דירעקטע תוצאה פון דעם ערשטן וועלט קריג, זענען דעמאלט אויך אויפגעקומען די אלע "איזמען", ווי קאמוניזם, נאציזם, סאציאליזם, הצד השווה שבהן אז זיי האבן באדראעט די עקזיסטענץ פונעם אידישן פאלק. איינאיינעם מיט כלל ישראל אין אלעגעמיין, איז אויך דער שיקזאל פון דער ליובאוויטשער ביבליאטעק אריין אין א סכנה.

שוין ביים אנהייב פונעם קריג אויסברוך האט דער רש"ב אויסגעדריקט רצון קדשו צו פארלאזן ליובאוויטש. די שטאט ליובאוויטש איז א גרעניץ שטאט, און גרעניץ שטעט זענען מער איינגעשטעלט ווי אנדערע שטעט, און דער רבי האט געציטערט פאר'ן שיקזאל פון דער שטאט און פון די חסידים. דער רש"ב האט דעמאלט געצויגן דעם הויף טיפער אריין אין רוסלאנד, זיך באזעצנדיג אין דער רוסישער שטאט ראסטאוו.

עס האט געדארפט צו הייסן אז ער וועט זיין אין ראסטאוו צייטווייליג, אבער געציילטע יארן נאך דעם וואס דער רש"ב האט זיך באזעצט דארט איז ער ליידער נפטר געווארן, און זיין איינציגער זון, רבי יוסף יצחק, באקאנט אלס דער מהריי"ץ, האט איבערגענומען דאס אדמורו"ת.

שוין פון דער ערשטער מינוט וואס דער רבי דער רש"ב האט פארלאזט ליובאוויטש, איז געווען קלאר אז וואו דער רבי וועט נאר זיין וועט די ביבליאטעק מיטגיין מיט אים.

עס זאגט זיך גרינגער ווי געטון. צוועלף טויזנט ספרים איז אן אסטראנאמישער ציפער, און אז מען זאל עס קענען אריבערנעמען פון איין ארט צום אנדערן פעלט זיך אויס די ריכטיגע אומשטענדן. דער רש"ב האט אריינגעלייגט קאפ און מח ווי אזוי מען קען אריבערפירן די ספרים פון דער אלטער היים ביז צו דעם נייעם מקום מנוחה אין ראסטאוו.

מערערע עצות און אויסוועגן זענען אויפגעברענגט געווארן, אבער אלע האבן זיך ארויסגעשטעלט אלס אומאויספירבאר. די אונטערנעמונג האט זיך ארויסגעשטעלט שווערער ווי מען האט געמיינט. מען איז געקומען צו דער הכרה אז אויסער וואס מען דארף טרעפן א וועג אריבערצופירן די ספרים פון איין פלאץ צום אנדערן, פאדערט זיך אויך אז מען זאל טרעפן א גוטן פלאץ וואו צו האלטן די ספרים.

ספרים, ווי יעדער ווייסט, פאדערט שטארקע און גוטע באדינגען אז זיי זאלן בלייבן גאנץ און אומבארירט. יעדע קלייניגקייט קען צוברענגען אז די ספרים זאלן קאליע ווערן, און נאר א פלאץ וואס איז אפגעהיטן פון וואסער, פייכטקייט, און שימל, איז א גוטער פלאץ צו האלטן די ספרי קודש. און אזוי לאנג ווי מ'האט נישט געטראפן אזא פלאץ, האט נישט דער רבי ערלויבט מען זאל רוקן די ספרים.

ענדליך נאך פיל באמיאונגען האט א חסיד אויפגעברענגט א גוטע הצעה. ער האט פארגעשלאגן אז די ספרים זאלן אריבערגעברענגט ווערן צו דער הויפטשטאט מאסקווע. דארט אין א ספעציעלן פלאץ וועלן די ספרים ווערן אפגעהיטן, ביז זיי וועלן קענען




הרב יהודה קרינסקי מיט הרב יוסף יצחק





ספרי הזוהר פונעם פאטער פון ליובאוויטשער רבי וואס געפינט זיך אינעם אוצר

צוריקגעברענגט ווערן צו אירע אייגנטימער, די רבי'ס פון ליובאוויטש.

נאר נאכדעם וואס די דעטאלן פון דעם פלאן ווערט אויסגעארבעט ביז צו דער ענדע האט דער רש"ב געגעבן זיין באשטעטיגונג, און די ספרים זענען אריבערגעפירט געווארן קיין מאסקווע.

אזוי לאנג ווי דער קריג האט געברענט איז נישט געווען קיין הוה אמינא אז די ספרים זאלן ווערן אריבערגעברענגט צוריק אהיים. אבער אויך נאכדעם וואס דער קריג האט זיך געענדיגט איז די צייט נאכנישט רייף געווען אז די ספרים זאלן קענען אנקומען צוריק אהיים, צו איר אמת'ער היים.

ווי דערמאנט פריער איז דער ערשטער וועלט קריג געווען דער טריגער, און אויך נאכדעם וואס עס איז געקומען צו אן ענדע האט די וועלט געברויזט און געבלעזלט. דער קריג אליין איז נאכגעפאלגט געווארן מיט דער בארימטער רוסישער רעוואלוציע קעגן דעם צאר, און דער אויפשטאנד האט אריינגעשלעפט רוסלאנד אין א בלוטיגן ציווילן קריג צווישן דער רויטער ארמיי און דער ווייסער ארמיי. ווען עס האט זיך געענדיגט, איז רוסלאנד געווען פארקנעכטעט אונטער די קאמוניסטישע הענט.

און אינערהאלב דעם חסידות זעלבסט זענען די אומשטענדן געווען זייער אומרואיג. די לעצטע יארן פון דעם רש"ב איז געווען זייער שווער, און טראץ וואס ער האט כסדר געפאדערט אז מען זאל צוריקברענגען די ספרים איז עס אנגעקומען זייער שווער, צוליב די אנגייענדע אומשטענדן פון דעם קריג.

עס האט נאך געדויערט אפאר יאר ביז דער ממלא מקום דער ריי"ץ זצ"ל האט אנגעהויבן לייסטן פאר דער ביבליאטעק וואס איז געלעגן אין מאסקווע און געזארגט אז מען זאל עס קענען אריבערברענגען צו אים קיין ראסטאוו. אבער אויך דעמאלט זענען זיינע הענט געווען געבונדן צוליב דער נייער הערשאפט אין לאנד, די קאמוניסטישע רעגירונג וועלכע האט פארכאפט די מאכט אין רוסלאנד.

## פרק ג' - אין קאמוניסטישע הענט

זיצנדיג שפעטער מיט מיט הרב ארנאנאוו, האבן מיר געשעטעלט די פראגע פארוואס די רוסן זענען אזוי פאר'עקשנ'ט און ווילן נישט פאר קיין פרייז אויף דער וועלט אפגעבן די ספרים. אויפ'ן טיש קומען ארויף עטליכע סברות, אבער די שטערקסטע טעאריע איז די טענה אז רוסלאנד ציטערט פון א דרייענדיגן ראד.

אין דער צייט פון קאמוניזם האט רוסלאנד ארויסגעגעבן א געזעץ אז אלע פריוואטע אייגנטומען ווערן פון היינט און ווייטער דאס פארמעגן פון דער רעגירונג. אונטער דעם געזעץ זענען אויך אריינגעפאלן ביבליאטעקן, פריוואטע זאמלונגען פון ביכער, טייערע חפצים און נאך א לאנגע רייע פון זאכן.

אין די קומענדיגע פאר יאר איז אינעם סאוויעטישן פארבאנד פארגעקומען איינס פון די גרעסטע גניבות אין היסטאריע, און אלעס לאור היום מיט'ן שטעמפל פון געזעץ. די שלוחים פון די קאמוניסטן האבן באראבעוועט מכל הבא ליד, און די גניבות און רויבעריי זענען געווארן איבערגעגעבן אין די הענט פון דער רעגירונג.

צווישן די באראבעוועטע חפצים האבן זיך געפונען טייערע צירונגען, אלטע ביכער, היסטארישע ווערק, מאלערייען, און אויך אסאך היסטארישע אידישע ספרים, אריינגערעכנט דער זעלטענער אוצר הספרים פון צוועלף טויזנט ספרים וואס האבן פאר יארן לאנג געהערט פאר די ליובאוויטשער רבי'ס, אריבערגייענדיג מדור דור פון דעם בעל התניא זי"ע ביז צום רש"ב.

אז עס קומט אייך אמאל אויס צו זיין אין מאסקווע און איר שטאט אפ א באזוך אין דער ריזיגער 'לענין לייברערי' אדער אנדערע רעגירונגס ארכיוון, כאפט נישט קיין התפעלות. עס איז נישט קיין זאמלונג, עס איז א פשוט'ע גניבה. עס איז חפצים וואס די רוסן האבן אונטער'ן שלייער פון געזעץ בא'גנב'עט און בא'גזל'ט הונדערטער טויזנטער אדעללייט און רייכע פריצים, און להבדיל אויך אידישע קינדער.

"אז רוסלאנד וועט אפגעבן די ספרים," איז הר"ר יוסף יצחק מסביר, "און מודה זיין אז זי האט גע'גנב'עט סחורה, וועט עס זיין ענדלאז. עס וועט צוברענגען אז טויזנטער וועלן אויפשטיין אויף די פיס און פאדערן זייערע אוצרות, און די שיינע זאמלונג וועט ווערן אויס זאמלונג."

אבער די דערמאנטע לאגישע טענה, וועלכע וואלט געמאכט יעדן אנדערן אפטערעטן פון טראכטן אז עס איז א מעגליכקייט אז מען וועט אמאל צוריקבאקומען די ספרים, שרעקט נישט אפ הר"ר יוסף יצחק פון פירן זיין קאמף. מיר וועלן זיך שפעטער אומקערן צו דעם, אבער ערשט לאמיר פארענדיגן דעם היסטארישן חלק פון דער געשיכטע,



נעמליך, וואס עס האט פאסירט אין די יארן נאך דעם וואס קאמוניזם האט באהערשט דאס לאנד.

איינמאל רוסלאנד איז געווארן קאמוניסטיש, איז דער צוטריט צו די ספרים געווארן פארנעפלט.

ווי מען ווייסט אין ליובאוויטש, זענען די קאמוניסטן אנגעקומען צו דעם אוצר און געלייגט א האנט אויף אים. די באנדעס האבן ליידער געהאט אידישע געהילפן, און זיי האבן געהאלפן מיט'ן סארטירן דעם אוצר, און עס איז אנגעקומען אין דער בארימטער לענין לייברערי.

אבער אין דער צייט וואס עס איז געלעגן סארטירט אין דער לענין לייברערי אין מאסקווע, איז די אומקלאקיע ארום די ספרים אין ליובאוויטש געווען זייער גרויס. דער ריי"ץ האט נישט גערוט. יעדער שטיק צייט האט ער ארויסגעשיקט א בריוו צו דער פראוואלטונג אנפרעגענדיג וואו געפינען זיך זיינע ספרים. אמאל אמאל האבן זיי געענטפערט, אבער די ענטפערס האבן נאר מער מייאש געווען די אייגנטימער.

צווישן אנדערע האבן זיי געקענט זאגן אז עס איז פארלוירן געווארן, אנדערע האבן געזאגט אז עס איז צעטיילט געווארן אין מערערע קלענערע שטאטישע ביבליאטעקן – מען האט נישט געוואוסט וואו עס איז אהין געקומען.

ביני לביני איז אויך דאס לעבן פון דער ריי"ץ געווען שטורמיש. נאכ'ן ווערן ארעסטירט און געדראעט צום טויט דורך די קאמוניסטן, איז ער אריבער קיין ריגע און פון דארט קיין פוילן. אין דער ענדע האט ער זיך באזעצט אין אמעריקע, וואו ער האט פון פריש איבערגעפלאנצט דעם חצר און עס פארגרעסערט און אויפגעבויט ביז צו זיין פטירה.

## פרק ד' - דער צוזאמענפאל פון קאמוניזם

נאך דער פטירה פונעם ריי"ץ האט ממלא מקומו געווען דער לעצטער רבי פון ליובאוויטש, הגה"ק רבי מנחם מענדל שניארסון זצ"ל.

פאר מער ווי 44 יאר האט ער אנגעהאלטן די הנהגה אין ליובאוויטש, און דא איז די פרשה, וואס איז פאר יארן געווען פארנעפלט און מיסטעריעז, געווארן אויפגעפרישט און דעגרייכט איר היינטיגן קאמף.

ווי באטאנט איז אין די יארן פון תש"י, ווען דער ריי"ץ איז געווען רבי, ביז צו די יארן תשמ"ח נישט געווען קיין סאך וואס צו טון אז מען זאל קענען צוריקבאקומען דעם פארלוירענעם אוצר.

עס איז פאר קיינעם נישט איינגעפאלן אז מען גיבט אויף אויף'ן אוצר. ווי די ליובאוויטשער חסידים דערציילן, איז דער צוגאנג פון דעם לעצטן רבי'ן צו די ספרים געווען א פדיון שבויים'דיגער צוגאנג, זעענדיג דערין עפעס וואס דארף ווערן אויסגעלייזט. און אז עס איז פדיון שבויים, מוז מען טון וואס מען קען.

מען האט טאקע געטון. מען האט געשיקט בריוו און געקלעטערט נאך ידיעות, אבער מער ווי דאס איז נישט געווען וואס צו טון. אבער ווען די וועלט האט אנגעהויבן איינזען אז קאמוניזם גייט זיך צעברעקלען און דער גרויסער רוסישער בער האלט ביים אונטערגיין, האט דער ליובאוויטשער רבי געטון אלעס וואס עס איז געווען אין זיין מעגליכקייט אז די געראויבטע ספרים זאלן צוריקגעגעבן ווערן צו אירע אמת'ע אייגנטימער, צו דער ליובאוויטשער ביבליאטעק אין קרוינהייטס.

עס איז געווען בימים ההם, ווען דורכ'ן פערזענליכן שליחות פון דעם ליובאוויטשער רבי'ן איז געגרינדעט געווארן א וועד, וואס וועט זיך פון היינט און ווייטער אפגעבן מיט'ן זיכער מאכן אז די רוסן גיבן אפ די גניבה פאר ליובאוויטש.

דער ערשטער שריט איז געווען א דירעקטע ווענדונג צו דער רוסישער רעגירונג אז זיי זאלן אפגעבן די ספרים. אין יענערצייט איז נאך רוסלאנד געווען קאמוניסטיש, טראץ וואס עס איז נישט געווען בתוקפו ווי פריער, אבער עס איז נאך אלץ געווען שרעקעדיג. אבער דאס האט נישט אפגעהאלטן די פעולות אויפ'ן דיפלאמאטישן פראנט אפצובעטן די ספרים.

די ערשטע רעאקציע איז געווען, ווי פארשטענדליך, "מיר האבן עס נישט." אבער זיי האבן יא מסכים געווען אז ליובאוויטשער שלוחים זאלן קומען קיין מאסקווע און אויפזוכן דעם אוצר.

אין ליכט פון דעם ענטפער, האט דער ליובאוויטשער רבי אויסגעוועלט עטליכע פון זיינע געטרייע חסידים אז זיי זאלן אונטערנעמען די שווערע רייזע און ארויספארן קיין רוסלאנד.

די ערשטע דעלעגאציע איז באשטאנען פון הרב ר' שלום דובער לעווין שליט"א, הרב ניסן מינדל, און הרב שלמה קאנין שליט"א. די דריי זענען אראפגעפארן קיין מאסקווע נאכ'ן באקומען דאס ערלויבעניש צו זוכן דעם פארלוירענעם אוצר.

בשעתו האט די מיסיע אויסגעזען ווי א פארלוירענע זאך. ווי באטאנט, האבן די רוסן געגעבן דאס געפיל אז דער אוצר איז פארלוירן געווארן, אז זיי האבן נישט די מינדעסטע אנונג וואו עס געפינט זיך, נאר



די באגעגעניש פון די רוסישע שלוחים מיט דער אויסערן מיניסטער פון רוסלאנד





ביי א באגעגעניש מיט'ן קולטור מיניסטער פון רוסלאנד אונטער קאמוניזם

זיי גיבן רשות צו זוכן.

ווען מען נעמט אין באטראכט אז עס רעדט זיך דא פון איינס פון די גרעסטע זאמלונגען אין דער וועלט, ווייל ווי דערמאנט האבן זיי געקויבט רעכטס און לינקס, איז עס געווען ווי צו טרעפן א שליסל אין וואלד. אבער דא האט זיי צוגעשפילט א זעלטענע סייעתא דשמיא, און נאך געציילטע טעג האבן זיי געטראפן דעם גאנצן אוצר פון ספרים בשלימות, אומבארירט!

די רוסן האבן א נאמען געגעבן פאר'ן אוצר 'די פאליקאוו זאמלונג'.

די שמחה אז דער אוצר איז דא בשלימות איז געווען אומבאשרייבליך. מ'האט פארשטאנען אז מ'דארף יעצט בלויז זען ווי אזוי מען נעמט עס ארויס פון דארט און מען ברענגט עס צוריק אהיים, קיין קרוינהייטס, צו דער ביבליאטעק פון די ליובאוויטשער רבי'ס. אבער דא האט זיך אנגעהויבן א קאמף, וואס האלט נאך אן ביז צום היינטיגן טאג.

ווי עס שיינט, זענען די רוסן נישט געווען אזוי באגייסטערט אז מען האט אנטדעקט דעם פארלוירענעם אוצר. נאכדעם וואס די טענה אז זיי האבן עס נישט ביי זיך האט נישט געארבעט, האט זיך אנגעהויבן א לאנגע רייע פון ניי תירוצים, וועלכע האבן געשטעלט פיסלעך אז מ'זאל נישט קענען צוריקבאקומען די ספרים.

דער קאמף, וועלכער מיר וועלן זען האט זיך נישט אפגעשטעלט פאר גארנישט, האט געהאט דא-דארט אויסטערלישע הצלחות, אז עס איז נאר איבערגעבליבן צו ווארטן אויף דער ענדגילטיגער הצלחה, אז די ספרים זאלן צוריקגעברענגט ווערן צו אירע אמת'ע אייגנטימער.

די ווארצלען צו דעם קאמף האבן זיך אנגעהויבן ביי יענעם דערמאנטן באזוך אין רוסלאנד, אין יאר תשמ"ח, ווען קאמוניזם איז נאך געווען האלבוועגס בתוקפו, אבער איז געווארן שטערקער נאכדעם וואס דער ליובאוויטשער רבי זצוק"ל האט געגרינדעט א פרישן קאמיטעט אין יענע יארן וועלכער איז געווען געווידמעט אויסצולייזן די ספרים.

אנדערש ווי דער ערשטער קאמיטעט, וועלכער איז אהינגעפארן אויפצוזוכן די ספרים, איז דער צווייטער וועד געגרינדעט געווארן נאכ'ן וויסן אז די ספרים עקזיסטירן און אז זיי זענען אין א גוטן צושטאנד, אבער מען דארף פשוט זארגן אז די רוסן זאל מקיים זיין דער 'והשיב את הגזילה' און אפגעבן די בארויבטע ספרי קודש.

דער פרישער קאמיטעט איז באשטאנען טיילווייז פון די אלטע מיטגלידער, ווי הרב לעווין און הרב קאנין, אבער עס איז אויך געווען ניי מיטגלידער. צווישן די ניי מיטגלידער איז געווען הרב יצחק קאגען שליט"א, וועלכער איז באקאנט אין דער וועלט אלס דער צדיק פון לענינגראד, און הרב ר' יוסף יצחק אראנאוו שליט"א.

דער ועד האט זיך ארויסגעלאזט אין זיין וועג אין אנהייב פונעם יאר תשנ"א. ווי מיר הערן פון ר' יוסף יצחק שליט"א, האבן זיי געווײלט אין רוסלאנד בערך צוויי יאר צייט, ווען אין לויף פון דער צייט האבן זיי געטון אלעס אין דער וועלט צוריקצובאקומען די ספרים.

אין אונזער שמועס, בעטן מיר פון ר' יוסף יצחק ער זאל אונז מיטטיילן ערשטהאנטיג די דעמאלטיגע איבערלעבענישן, ווי אזוי זיי זענען נאכגעפאלגט געווארן דורך דער קעי-דזשי-בי אויף טריט און שריט און אלע זייערע פעולות אויף דער רוסישער ערד.

## פרק ה' - בקשות ביי די רוסן

■ **איידער מיר גייען אריין אין צו רעדן איבער דער עצם קאמף פון די ספרי קודש, לאמיר הערן וואספארא ספרים געפינען זיך אין דער ביבליאטעק, און צי איז דארטן דא דער דערמאנטער סידור פון בעש"ט?**

עס איז דא דארטן אסאך חשוב'ע ספרים. עס איז דא דארטן א כתב יד פון די הייליגע ראשונים, אבער נישט דאס איז דא די נקודה.

דער רבי האט גע'טענה'ט אז די ספרים געהערן קיין ליובאוויטש און זיי מוזן צוריקקומען קיין ליובאוויטש, נישט ווייל עס איז דא אין איר טייערע ספרים אין איר, ווייל אפילו אויב די ספרים וואלט געווען דורכשניטליכע ספרים, דארף מען נאך אלץ אפגעבן די גניבה.

און דו פרעגסט וועגן דעם סידור פון בעש"ט הק', דער סידור ספעציפיש איז א טייל פון דער ליובאוויטשער ביבליאטעק אין קרוינהייטס.

■ **מען ווייסט אויב די ספרים געפינען זיך אין א גוטן צושטאנד?**

פון א טעכנישער זין, דהיינו, צי עס ווערט געהאלטן אין אין ארט וואו עס באשוצט פון וואסער אדער שימל איז די תשובה אז יא, עס איז אין גוטן מצב.

אבער פון אנדערע אספעקטן איז עס נישט אזוי גוט. מערערע מאל האבן מיר באקומען ידיעות איבער ספרים וואס ווערן פארקויפט אויפ'ן שווארצן מארק און מען קען עס אפקויפן פאר גרויס געלט.

ביי די באגעגענישן מיט די רוסן האבן מיר ארויפגעברענגט דעם נושא אויפ'ן טיש,





האדמו"ר מלוצק באזוכט דעם אוצר אינעם אידישן מוזעאום אין מאסקווע

און זיי פארגעהאלטן אז היתכן די ספרים וואלגערן זיך ארום אין די גאסן.

אגב, אז מען רעדט שוין פון דעם שווארצן מארק איז אינטערעסאנט צו באטאנען, מיר האבן געהאט מערערע געלעגנהייטן צו באקומען די ספרים דורך אומלעגאלע וועגן. ווען דער סאוועיט פארבאנד איז צוזאמענגעפאלן האט געהערשט אין רוסלאנד תוהו ובוהו. דער שווארצער מארק האט געשפרודלט און מיר האבן באקומען א אנבאט פון דער רוסישער מאפיא אז זיי זענען קענען זיך זארגן אז מיר זאלן צוריקבאקומען די ספרים.

זיי האבן געזאגט אז זיי קענען זארגן אז די ספרים זאלן אנקומען קיין עסטרייך און פון דארט און ווייטער איז עס אונזער. דער רבי האט אבער בשום אופן נישט מסכים געווען צו אזוינע מהלכים.

שפעטער איז אויך ארויפגעברענגט געווארן א פארשלאג אז זיי זאלן מסכים זיין צו שיקן די ספרים אויף אמעריקע פאר אן אויסשטעלונג. עס איז אן אנגענומענע זאך אין דער וועלט אז מען ברענגט אריבער טייערע חפצים אין דער וועלט פאר'ן צוועק פון אן אויסשטעלונג. עס האט געהייסן אז זיי גייען עס אריבערברענגען קיין אמעריקע און ווען עס וועט זיין דאהי וועט מען טענה'ן פאר דער רעגירונג אז עס איז אונזערס און נישט צולאזן אז מען זאל עס צוריקנעמען אהיים קיין רוסלאנד. דער רבי האט אבער אויך נישט צוגעלאזט דעם פלאן, זאגנדיג אז עס דארף צוריקגעגעבן ווערן אויף א פארמאלן וועג, וואס מיר האפן אז דאס וועט נאך איין טאג געשען.

■ **לאמיר א רגע הערן איבער אייערע רייזעס. ווען איר זענט אהינגעפארן איז נאך קאמוניזם געשטאנען?**

[פרעגט צוריק מיט א חבד'סקער קוועטש...] און היינט איז שוין נישט דא קיין קאמוניזם?...

אבער בכללות איז די תשובה, אז עס איז געווען ממש אין יענער צייט ווען קאמוניזם האט זיך אנגעהויבן צעברעקלען. עס איז געווען אין דער עפאכע וואס מען רופט אן די 'פרויסטרויקע'.

(פרויסטרויקע איז א רוסישעווארט. דער באדייט דערפון איז 'איבערבויען פונדאסניי'. עס איז אן אויסדרוק וואס דער רוסישער פרעזידענט גארבאטשעוו האט אריינגעגעבן אינעם רוסישן פאלק מיינענדיג דערמיט אז די רעגירונג איז געקומען צו אן אנערקענונג אז די ביז יעצטיגער שיטה ארבעט נישט, מען דארף טוישן מהלך.)

■ **בימים ההם האט מען געקענט אריינפארן קיין רוסלאנד גלאטיג?**

מען האט כמעט אלעמאל געקענט. די שאלה איז נאר וויאזוי...

איין שטארקער חילוק פון דעמאלט איז, היינט זענען דא דירעקטע פליגערס פון ארץ ישראל קיין מאסקווע. אין יענער צייט איז נישט געווען קיין דירעקטע פליגערס. מען האט געדארפט פארן צו א צווייטן לאנד און פון דארט האט מען געקענט פארן קיין מאסקווע. מיר זענען געפארן קיין דייטשלאנד און פון דארט זענען מיר געפארן קיין רוסלאנד.

■ **האבן די רוסן געוואוסט פארוואס איר זענט געקומען? און האבן זיי אונטערגעשטעלט פיסלעך?**

מיר האבן נישט געלעקט קיין האניג דארט... דאס איז אלעס וואס כ'קען דיר זאגן. בכללות איז גוט צו וויסן אז די רוסן קענען די מלאכה...

אבער אפילו אז זיי האבן נישט געוואוסט גענוי דער צוועק פון אונזער רייזע האבן מיר זיי עס געלאזט וויסן. מיר זענען נישט אהינגעגאנגען צו זיצן מיט פארלייגטע הענט. די מטרה איז געווען צו רעדן צו יעדן צו וועמען מען קען און שתדל'ען ביי אים לטובת די ספרים.

מיר האבן זיך באגעגנט מיט די ארטיגע מיניסטארן, מיט'ן קולטור מיניסטער, מיט'ן אויפזער פון די ביבליאטעקן, מיר זענען אנגעקומען אזוי ווייט ביז צו זיצן מיט'ן דעמאלטיגן פרעזידענט פון רוסלאנד, מיכאיל גארבאטשאוו.

מען דארף נעמען אין באטראכט אז אינדערצייט ווען עס האבן זיך כמעט נישט געדרייט קיין אידן אין רוסלאנד האבן די חסידי חב"ד אייביג געהאט א האנט אין לאנד. עס איז געווען צייטן ווען מען האט געקענט ארבעטן מער, צייטן ווען מען האט געקענט ארבעטן ווייניגער, אבער מען איז אייביג געווען דארט.

עס זענען געווען שולן, מען האט געשיקט מצות, מען האט געמאכט ברית'ן, אמאל מער אפן, אמאל מער באהאלטן, אבער עס איז אלעמאל געווען טעטיגקייט אין לאנד. אזוי ארום, אז ווען מיר זענען אנגעקומען אהין, האבן מיר געהאט מיט וועמען צו ארבעטן.

■ **אבער די קעי. דזשי. בי. האט ענק נישט נאכגעיאגט?**

און אויב זיי האבן יא... איז וואס?

מיר זענען אהינגעפארן צו קעמפן מיט רוסלאנד? מיר זענען אהינגעפארן מיט א קלארן ציל און מיר האבן געארבעט פאר'ן ציל. עס איז נישט אנגעגאנגען וואס זיי טוען.

דער עצם פאקט אז זיי האבן אונז פארבאטן פון נאכאמאל אריינקומען קיין רוסלאנד רעדט פאר זיך אליין.

אז דו ווילסט דווקא וויסן? [איך שאקל מיט'ן קאפ אויף יא!] עס איז געווען דא דארט שפאנאנדע מינוטן. מיר האבן געוואוסט אז קעגן דער דירה וואו מיר

האבן געוואוינט איז געווען סטאנציאנירט א דירה מיט קעי. דזשי. בי. אגענטן. זיי האבן אונז אונטערגעהערט יעדע ווארט. ווען מיר האבן געוואלט רעדן אויפ'ן טעלעפאן פלעגן מיר אנצינדן די וואסער קראנען אין האטעל אז עס זאל מאכן א גערודער.

אויך איז געווען איינמאל ווען מען האט אונז קלארגעשטעלט אז מיר זאלן פארלאזן דעם לאנד. עס איז געווען נאכדעם וואס מיר זענען דארט געווען פאר מער ווי צוויי יאר אין איין צי. זיי האבן אונז ענג געמאכט און געגעבן דאס געפיל אז עס איז גענוג און עס איז צייט אז מיר זאלן האבן אהיימפארן.

מיר זענען אהיימגעפארן אבער מיר זענען צוריקגעקומען יעדע שטיק צייט.

**■ וויפיל חברה זענט איר געווען?**

מיר זענען געווען פיר חברה. עס איז געווען הרב קאניק, הרב קאגען, און הרב לעווין און איך בין געווען דער איינציגסטער פון ארץ ישראל וואס איז געווען א טייל פון דער משלחת.

**■ האט איר געמאכט פארשריט אין יענער צייט?**

אסאך. אבער מען דארף נעמען אין חשבון אז מיר זענען נישט געווען מיט איין ספעציפישן מהלך אז דער מהלך גייט ארבעטן און דאס גייען מיר טון, מיר האבן געארבעט אויף אלע פראנטן. מען האט אנגעהויבן מיט פשוט'ע בקשה'ס און זעענדיג אז דאס ארבעט נישט, האבן מיר זיך געגרייט אויף אנדערע מהלכים און אגב איז דאס נאך דער מהלך ביז'ן היינטיגן טאג.

מיר לעבן מיט דער שיטה אז עס מאכט נישט אויס וועלכער מהלך איז דער בעסטער. אויף אונזערע פלייצעס ליגט די פליכט צו טון און ערגעצוואו וועט שוין די ישועה אנקומען.

נעם צום ביישפיל דער מהלך פון די סענעטארן. דער אמעריקאנער סענאט באשטייט פון הונדערט סענאטארן. די קריגערייַ צווישן די פארטייען איז וואויל באקאנט פאר יעדן איינעם. עס טרעפט זיך זייער זעלטן אז די סענאטארן זאלן זיך פאראייניגן אויף איין טעמע. מיר האבן אבער מצליח געווען צו באווייזן דאס אומגלויבליכע, און דריי מאל אין א צי האבן ארלעדיגט אז אזויפיל ווי הונדערט סענעטארן האבן אונטערגעשריבן א בריוו מיט א ביטע קיין רוסלאנד בנוגע די ספרים.

מיר ווילן זיך נאך צוריקקערן צו רעדן איבער'ן קאמף וואס מיר האבן געפירט פון אמעריקע אבער ערשט לאמיר ענדיגן מיט רוסלאנד.

בימים ההם, זעענדיג אז עס גייט נישט מיט גוטנס, זענען מיר געגאנגען אין געריכט קעגן דער רוסישער לעניך ביבליאטעק. מיר האבן געדונגען רוסישע אדוואקאטן אז זיי זאלן אונז פארטיידיגן אין געריכט. דאס געריכט האט אויסגעהערט אונזערע טענות און ווי אומגלויבליך עס הערט זיך, מיר האבן געוואונען דאס געריכט.

דאס רוסישע געריכט - וועלכע איז נאך פארגעקומען ווען קאמוניזם איז נאך האלבוועגס געווען אין קראפט - האט געאורטיילט אז מיר זענען גערעכט און די ביבליאטעק דארף אונז אפגעבן די ספרים.

אבער ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט קענסטו אין רוסלאנד האבן דאס געריכט צו דיין זייט אבער עס העלפט נישט, זיי זענען געבליבן ביי זייערס. יעדעס מאל זענען זיי אויפגעקומען מיט פרישע תירוצים און אויסריידן פארוואס און פארוועז זיי קענען עס נישט אפגעבן.

אויך אויפ'ן דיפלאמאטישן פראנט האבן מיר געהאט הצלחה'ס. מיר האבן זיך געטראפן מיט אלע רוסישע פרעזידענטן. ווי דערמאנט האבן מיר זיך געטראפן מיט גארבעטשאוו, שפעטער מיט יעלצין און צום לעצט מיט פוטין, אבער דערווייל האט זיך גארנישט גערירט און מיר שטייען נאך דארטן וואו מיר האבן געהאלטן אמאל.

**■ וואס פלעגן די רוסישע פרעזידענטן זאגן ווען איר פלעגט זיי באגעגענען?**

א רוסישער פרעזידענט דארף גארנישט זאגן...

ער דארף אפילו נישט געבן א גוטע געפיל אבער מיר האבן אויך באקומען אזעלכע געפילן. למשל, איך געדענק, אז ביי דער באגעגעניש מיט יעלצין איז ער געווען זייער העפליך.

ווען מיר האבן אים געפרעגט צי ער גייט אונז צוריקגעבן די ספרים האט ער געזאגט אז זיכער וועט ער עס צוריקגעבן, אבער עס וועט געדויערן אביסל צייט. מירווארטן נאך...

אמאל איז עס געווען א תירוץ. אמאל איז עס געווען א טאקטיק ווי מארגן אדער נעכטן. אלעמאל איז געווען עפעס, אבער תכלית זעסטו דאך אליין וואו די ספרים זענען.

און ווען עס איז געקומען צו א שטאפל אז מיר האבן איינגעזען אז נישט א געריכט אין רוסלאנד העלפט און נישט א פארשפרעכונג פון דעם פרעזידענט איז עפעס ווערד. אבער אויפגעבן אויף א זאך וואס דער רבי האט אונז באפוילן איז דאך נישט שייך, האבן מיר אנגעהויבן אונטערנעמען אנדערע מיטלען.





די פיר משלחת מיטגלידער אין מאסקעווע אין די צייטן פון קאמוניזם





**■ וואספארא מיטלען האט מען אונטערגענומען?**

ערשטנס דארף מען וויסן אז דער דרוק וואס מען האט געלייגט האט געהאט א שטארקער ווירקונג אויף זיי. מיר ווייסן עס דורך אסאך וועגן און ווי מיר וועלן באלד זען איז עס אויך געווען דער דירעקטער גורם אז דער היינטיגער רוסישער פרעזידענט פוטין זאל באשלוסן אריינצולייגן דער אוצר הספרים אינעם אידישן מוזעאום אין מאסקווע, וואס איז בעצם אן אויגן פארבלעבענדעניש, ווייל פאקטיש איז עס נאך זיינס, אבער עס ווייזט אז עס האט אים געקוועטשט. אבער לאמיר נישט פארקריכן, און ערשט פארענדיגן דעם פרק פון די אמאליגע השתדלות.

עס איז געווען בימים ההם ווען מיר זענען געווען אין רוסלאנד און געלייגט אלע ערליי דרוק ווען פלוצלינג איז אנגעקומען צום רבי'ן זצ"ל אין שטוב א טעלעפאן רוף. אויפ'ן טעלעפאן האט גערעדט דער דעמאלטיגער וויצע פרעזידענט פון אמעריקע, אל גאור – וועלכער האט זיך שפעטער פארמאסטן אויף פרעזידענטשאפט קעגן דזשארדזש בוש – אז ער האט עפעס געברענגט פון רוסלאנד פאר'ן רבי'ן.

דער 'עפעס' איז א געווען א פערזענליכע שליחות פונעם רוסישן פרעזידענט. דער פרעזידענט האט אים געלאזט ארויסנעמען איין ספר פון דעם אוצר און עס אפגעבן פאר'ן ליובאוויטשער רבי'ן.

ווי איראניש עס הערט זיך איז דער ספר געווען א 'תניא' וואס די פריערדיגע רבי'ס האבן געלערנט אין דעם, און דאס האט אל גאור געברענגט א מתנה פאר'ן רבי'ן.

דער וויצע פרעזידענט איז געווען אזוי גערירט איבער דער שליחות אז ער האט געמאכט דעם טעלעפאן רוף נאך פונעם פרעזידענטליכן דער עיר פארס וואן.

עס געשעט נישט פון איין טאג אויפ'ן אנדערן אז די רוסישע זאלן ארויסשיקן מתנות. די מתנה וואס זיי האבן געשיקט איז געווען א דירעקטע רעזולטאט פון קומען אונטער שווערע און אומגעהויערע דרוק וואס מען האט געלייגט אויף זיי, און זיי האבן געוואלט ארויסווייזן פארשטענדעניש און געהאפט אז זיי וועלן זיך קענען פטר'ן מיט א סימבאלישער זאך.

**■ איר האט דערמאנט אז איר האט געפירט מיט זיי א גריכט אין אמעריקע. לאמיר הערן ווי אזוי דאס גריכט איז צוגעגאנגען?**

יא, עס איז געווען נאך דעם וואס מיר זענען געקומען צו דער אנערקענונג אז מען מוז אונטערנעמען שטערקערע מיטלען כדי צוריקצובאקומען די ספרים.

מיר האבן אריינגעגעבן א קלאגע אין די אמעריקאנער געריכטן קעגן רוסלאנד מיט דער טענה אז רוסלאנד מוז אונז אפגעבן די ספרים. אין אנהייב האט דאס געריכט געקווענקלט צי זי האט די רעכט צו דן זיין אויף א זאך וואס איז נוגע א צווייטן לאנד, אבער נאכדעם וואס מיר האבן ארויפגעברענגט באווייזן אז דער רבי זצ"ל איז געווען אן אמעריקאנער בירגער און אין אזא פאל טוט דאס אינטערנאציאנאלע געריכט אנערקענען אין אזא טענה, האבן זיך אנגעהויבן די געריכטליכע פראצעדורן.

יעצט, ווערסטו פרעגן צי עס האט א געריכטליכער תוקף? איך קען דיר נישט זאגן גענוי, אבער אזויפיל קען איך דיר יא זאגן אז זיי זענען געקומען צוגיין צו דעם געריכט. נישט נאר זענען זיי געקומען צוגיין, נאר זיי האבן אויך געדונגען רייכע און גוטע אדוואקאטן וועלכער זאלן זיי פארטיידיגן אין געריכט, געבנדיג, כאטש, כלפי חוץ, א געפיל אז זיי קאפערירן מיט'ן געריכט און ווארטן אויס צו הערן וואס זי גייט זאגן.

זיי האבן אנטיילגענומען ביי דעם געריכט ממש ביז די לעצטע שטאפלען. קומענדיג נענטער צום אורטייל האבן זיי, זעענדיג אז דאס געריכט גייט נישט אין שפאן מיט זיי, זיך ארויסגעצויגן פון געריכט און אנגעהויבן טענה'ן אז דאס געריכט האט נישט די אויטאריטעט צו אורטיילן אזא זאך אין א צווייטן לאנד.

אבער עס איז שוין געווען צו שפעט. דאס אמעריקאנער געריכט האט געאורטיילט אז זיי מוז'ן אפגעבן די ספרים, און פאר יעדן טאג וואס זיי געבן עס נישט אפ דארף רוסלאנד צאלן פאר חב"ד א קנס פון פופציג טויזנט דאלער.

נאך אזויפיל יאר וואס זיי האבן עס נישט צוריקגעגעבן האלט מען שוין היינט צוטאגס ביי דער סומע פון 200 מיליאן דאלאר. אבער מיר דארפן נישט דאס געלט, מיר ווילן די ספרים!

**■ האט איר אמאל געליטן פון רוסלאנד פערזענליך?**

אקעגן מיר נישט, ווייל איך בין א קאנאדישער בירגער, איך בין געבוירן געווארן אין קאנאדע. אבער קעגן די אלע אנדערע מיטגלידער פון דער משלחת האבן זיי געמאכט די דערמאנטע סאנקציעס [וואס מיר האבן געשריבן איבער זיי אין אנהייב].

שטעלט זיך פאר אז צווישן 900 אמעריקאנער בירגער ווי פרעזידענט ביידען און זיין שטאב האט דער רוסישער פרעזידענט אויך אינזינען געהאט צו מאכן סאנקציעס איבער הרב קאנין און הרב לעווין, אז זיי קענען נישט אריינקומען קיין רוסלאנד.

**■ הייסט עס אז איר קענט יא אריינגיין?**

אויב עס איז כדאי... אז עס וועט אויספעלן פאר'ן שליחות פון רבי'ן וועלן מיר גיין, מיר וועלן טון אלעס אין דער וועלט, אפילו א רייזע קיין רוסלאנד.

אבער אז דו רעדסט פון רוסלאנד און דו ווילסט פארשטיין ווי שטארק עס האט זיי באריירט לאמיר גיין א טרעפל ווייטער און זען ווי אזוי זיי האבן רעאגירט אין די לעצטע יארן איידער דעם יעצטיגן מלחמה אויסברוך.

די ערשטע שארפע רעאקציע איז געקומען צוויין עטליכע יאר שפעטער נאך דעם דערמאנטן געריכט. בימים ההם האט דער אמעריקאנער קאנגרעס געמאכט א גרויסע אויסשטעלונג פון היסטארישע זאכן. ביי יענער אויסשטעלונג האט רוסלאנד געשיקט א רייע פון זאכן און צווישן זיי האבן זיי אויך אהערגעשיקט עטליכע ספרים פון זייער ביבליאטעק און צווישן די ספרים איז געווען אויך ספרים פון דער דערמאנטער 'שניאורסון זאמלונג'.

די רוסן האבן געשטעלט א תנאי קודם למעשה אז אלעס וואס זיי האבן געשיקט מוז צוריקקומען. זיי האבן געוואוסט וואס עס ווארט זיי אפ, אבער בדרך לא דרך, זענען מיר געוואויר געווארן דערפון און האבנדיג אין אונזער האנט דעם אויבנדערמאנטן אורטייל פון דעם אמעריקאנער געריכט, האבן מיר עס דערלאנגט פאר קאנגרעס און באוויזן אפצוהאלטן די ספרים דאהי.

די רוסן, וויסענדיג פון דעם דערמאנטן געריכט, האבן זיך געאיילט דורכצופירן א געריכט קעגן מיטגלידער פון דער ביבליאטעק און ארויסגעגעבן אן אורטייל אז יעדן טאג וואס מען גיבט נישט צוריק די ספרים דארף מען באצאלן פאר רוסלאנד די פאנטאסטישע סומע פון פופציג טויזנט דאלער.

עס איז געווען א מדה-כנגד-מדה'דיגער-פסק.

**■ צי האט זייער אורטייל א קראפט?**

גיב א קוק, אנדערש ווי אונזער פסק, וועלכער איז אויסגעהאלטן לויט'ן אינטערנאציאנאלן געזעץ, האט זייער אורטייל נישט קיין שום רעכט, און דאס איז אויסער דעם פאקט אז ביי דעם געריכט וואס זיי האבן געפירט דאהי, האבן זיי אנטיילגענומען און אין אנהייב קאפערירט מיט דעם.

ביי זייער געריכט איז נישט אנוועזנד געווען קיין שום פארשטייער פון אונזערע דעלעגאציע, דער אורטייל איז ארויסגעגעבן געווארן איינזייטיג, אזוי אז עס לאזט זיך זאגן אז אפילו אויב עס האט א תוקף איז עס נישט אן אנערקענטע געזעץ.

## פרק ו' - דער אוצר היינט צוטאגס

אבער ועל כולם אויב זוכט מען באוויזן אז דער אנגייענדער דרוק וואס ליובאוויטש האט געלייגט האט געארבעט, קען מען עס זען פון דעם היסטארישן שריט וואס דער רוסישער פרעזידענט האט אונטערגענומען מיט עטליכע יאר צוריק.

עס איז געווען נאך עטליכע יאר וואס די טענה'ריי זענען אנגעגאנגען אהין און צוריק, און אונטער'ן טיש זענען פארגעקומען א רייע פארהאנדלונגען. אין דער לעצטער מינוט האט דער רוסישער פרעזידענט באשלאסן אז ער גיבט נישט אפ די ספרים אבער ער גייט יא אויסהאמערן עפעס אן אפמאך.

איין העלן טאג האט פוטין געלאזט וויסן פאר דער אידישער מוזעאום אין מאסקווע אז ער קומט אהין אויף א באזוך. נאכ'ן אנקומען דארט און שטייענדיג אונטער א בילד פון דעם ליובאוויטשער רבי'ן האט ער ארויסגעגעבן א היסטארישע מעלדונג, זאגנדיג אז היינט גיבט ער אפ די ספרים פאר אירע אייגנטימער, און ער לייגט עס אריין אין דער ביבליאטעק פון דעם אידישן מוזעאום אין מאסקווע.

מציאות'דיג גערעדט איז עס אן אויגן פארבלענדעניש. זיי האבן געשיקט זייערע אייגענע מענטשן, פון דער לענין לייבעררי, אז זיי זאלן זיך דרייען דארט און באבלעבאטעווען אין דער אידישער מוזעאום און קאנטראלירן די ספרים, אבער דער שריט גיבט ארויס אונטער וויפיל דרוק ער איז געקומען צו לעזן דעם





די עסקנים אין געריכט וואו מען האט דן געווען איבער די ספרים. רעכטס ווערט געזען הרב יוסף יצחק



רוסישער פרעזידענט - מעלדט ביי באזוך אין חב"ד מוזעאום - איבער זיין היסטאָרישן באשלוס צו שענקען די בארימטע שניאורסאן זאמלונג



פרעזידענט פוטין באזוכט אינעם אידישן מוזעאום מיט'ן הויפט רב הרב בערל לאזאר

געפעכט און אז ער וויל לעזן דעם סכסוך, נאר ער קען נאכנישט פועל'ן ביי זיך עס צו טון.

"מיר זענען נאכנישט צופרידן. עס איז ווייט פון גענוג, ביי אונז איז עס נאר א סיגנאל אונטער וויפל דרוק ער איז געקומען."

ווען מיר ווילן הערן פארוואס ער זעט דערינען נישט קיין דערגרייכונג, גיבט ער אונז צו פארשטיין:

"מען דארף נעמען אין באטראכט אז די ספרים געהערן נאך טעכניש צו דער רוסישער רעגירונג, ער האט עס נישט אפגעגעבן פאר ליובאוויטש, ער האט עס פאר'משכונ'ט אינעם מוזעאום פון ליובאוויטש אין מאסקווע."

און ווי דער געהילף פון ר' יוסף יצחק, הרב אריאל לעמבערג שליט"א, וועלכער איז אנוועזנד ביים שמועס לייגט צו.

"היינט אז איינער וויל זען א ספר אין דער ביבליאטעק, מוז ער ערשט אריינגעבן זיין פאספארט, אדער א צווייטן טייערן חפץ און נאר אזוי קען ער באקוקן די ספרים, דאס הייסט נישט צוריקגעגעבן! עס וועט הייסן צוריקגעגעבן נאך דעם וואס עס וועט ליגן אין דער פריוואטער ביבליאטעק אין קרוינהייטס."

און ווי זיי גלייבן איז עס יעצט מער אקטועל און מעגליכער ווי אייביג.

"ביז דעם קריג אין אוקראינע האט יעדער איינער מורא געהאט זיך צו שלאגן מיט דער רוסישער רעגירונג.



ביי פערזענליכע אינטערווענץ מיט'ן רוסישער פרעזידענט פוטין

לויט'ן אורטייל איז רוסלאנד אונז שולדיג מיליאנען דאלארן און אז איינער באצאלט נישט, קען מען איינמאנען געלט דורך קאנפיסיקירן זיינע נכסים. עס הייסט אז טעכניש קענען מיר קאנספיקירן נכסים פון דער רוסישער רעגירונג. למשל, אויב אנקערט אין אמעריקע א רוסישע שיף האבן מיר די געריכטליכע רעכט עס צו קאנפיסקירן. אזוי איז אויך מיט די פארמעגנס ווי געביידעס וואס געהערן צו דער רוסישער רעגירונג אין לאנד, און אין דעם הינזיכט שפילט די מלחמה א שטארקע ראלע. אזוי לאנג ווי די וועלט האט זיך נישט געוואלט אנהייבן מיט רוסלאנד, פלעגן מיר אויסמיידן פון אריינצוגיין אין דעם נושא. דער אמעריקאנער סטעיט דעפארטמענט פלעגט זיך בעטן ביי אונז אז מיר זאלן עס נישט טון, אבער היינט, איז עס נישט קיין פראבלעם. נאר מיר גרייטן זיך עס צו טון ווען מיר האפן אז דאס וועט ברענגען די געווינטשענע רעזולטאטן."

לויט זיינע ווערטער קומט אויס אז בקרוב ממש וועט מען הערן אז ליובאוויטש האט קאנספיקירט א רוסישער שיף אדער א טייערע געביידע... "מעגליך," באשטעטיגט הר"ר יוסף יצחק, אויסדריקנדיג האפענונג אז מען וועט נישט דארפן אנקומען דערצו.

"איין זאך איז זיכער אז אין ענדע וועלן מיר צוריקבאקומען די ספרים! ווען און וויאזוי ווייס איך נישט, אבער צום סוף וועט עס אנקומען. מיר וועלן ממשיך זיין אויסצופירן אונזער שליחות ביז צום סוף, און די ישועה וועט קומען צוגיין מלמעלה."